**גוט שבת אלע אידן.** אזוי ווי מיר האבן שוין עטליכע מאל געשריבן, "ערכים" איז איינע פון די גרעסטע קירוב מוסדות אין ארץ ישראל. דער מעשה די וואך איז געשען אפאר יאר צוריק אין ארץ ישראל דורך א ערכים עסקן. עס איז דעמאלט געווען א פרייע משפחה אין די שטאט ראש העין וואס האט נעבאך פארלוירן א טאטע מיט א זון אין א קורצע צייט, ל"ע. כאטש אז די משפחה איז בעצם געווען פריי, האבן זיי געהאט עפעס א ווארעמקייט צו אידישקייט.

איין טאג דערנאך, האבן די אבלים געמאלדען צו ערכים. זיי האבן געבעטן אז ערכים זאל שיקן א דרשן צו זייער הויז צו זאגן א חיזוק דרשה פאר די בני משפחה וואס פארשטייט זיך זענען געווען שטארק צובראכן. אוודאי האט ערכים מסכים געווען און דערנאך האבן זיי טאקע געשיקט איינעם פון זייערע בעסטע רעדענערס, א געוויסער "רב בנצור" צו מחזק זיין די בני משפחה.

יענע נאכט פון די "חיזוק דרשה" איז אנגעקומען. די דרשה האט געהייסן לעילוי נשמת דעם טאטען און דעם זון פון דער משפחה. די בני משפחה האבן איינגעלאדענט אויך שכנים און חברים צו קומען צו דער דרשה. בקיצור, אין מיטן זיין דרשה, האט דער ערכים עסקן געהערט דער רעש פון א מוטורסייקל. באלד איז אנגעקומען א יונגער פרייער בחור צו דעם הויז. דער בחור האט געוואוינט אין דעם שכנישאפט, און ער איז געקומען "סתם" צו באזוכן די משפחה. יענער איז אריינגעקומען אין מיטן דער דרשה און ער האט נישט געכאפט וואס גייט פאר. ער האט געזען א רב וואס האט גערעדט דברי תורה.

דער עסקן האט גלייך איינגעלאדענט דעם בחור צו קומען הערן דער דרשה אויך. יענער האט מסכים געווען און ער האט זיך אראפגעזעצט צו הערן די דברי תורה. נאך די דרשה, איז דער בעל דרשן אריבערגעגאנגען צום בחור און ער האט זיך פארגעשטעלט צו אים. יענער בחור האט געהייסן "יואב." דער עסקן רב בנצור האט צוגערעדט יואב אז ער זאל קומען צו אן ערכים סעמינאר. (ביי אן ערכים סעמינאר טוט מען מחזק זיין די אמונה.) יואב האט אוועקגעמאכט רב בנצור מיט זיין האנט. "ניין," האט יואב געזאגט, "א סעמינאר איז נישט פאר מיך!"

דער עסקן האט פרובירט נאכאמאל און נאכאמאל צוצורעדן יואב, אבער ער האט נישט געוואלט בשום אופן הערן וועגן גיין צו א סעמינאר. רב בנצור האט אפגעלאזט יואב, אבער נישט בעפאר ער האט אריינגעלייגט אין יואב'ס טאש א צעטל וועגן קומענדיגע ערכים סעמינארס.

בערך א יאר און האלב שפעטער, איז רב בנצור געווען ערגעץ אנדערש רעדן צו אן אנדערע גרופע פרייע אידן. ער האט געוואלט ארויסברענגען דעם וויכטיגקייט פון ארויסנוצן געלעגנהייטן אין לעבן. אין זיין דרשה, האט רב בנצור דערציילט דעם מעשה פון "יואב." ער האט געזאגט אז עס איז א שאד אז יואב האט נישט אויסגענוצט דעם געלעגנהייט צו גיין צו א סעמינאר, צו לערנען תורה, וכו'. "עס איז א שאד וועגן יואב... אבער איר, וואס זענען קלוג, וועלן זיכער מסכים זיין זיך צו אינטערעסירן מער אין אידישקייט..."

אין מיטן זיין רייד, האט זיך אויפגעשטעלט א פרייער איד, וואס האט געהייסן "רונן" און ער האט געזאגט, "ווי אזוי ווייסטו אז יואב איז נישט געגאנגען צו קיין סעמינאר?" דער עסקן און דער עולם זענען געווארן שטיל.

"איך קען יואב..." האט רונן געזאגט ווייטער. "א שטיק צייט נאכדעם וואס ער האט געהערט דיינע ווערטער, איז ער יא געגאנגען צו אן ערכים סעמינאר! דאס וואס ער האט געלערנט דארט האט מוראדיג שטארק משפיע געווען אויף אים! צוביסלעך איז ער געווארן אן עכטער חרדישער איד!"

נאך יענע דרשה, איז רב בנצור צוגעגאנגען צו "רונן." "אפשר זאלסטו אויך גיין צו א סעמינאר?" האט דער עסקן געזאגט. "ניין, ניין... א סעמינאר איז נישט פאר מיך!" האט רונן געזאגט צו אים.

א שטיק צייט שפעטער איז דער דרשן רב בנצור געגאנגען צו רעדן ביי א סעמינאר אין צפת. ער האט אנגעהויבן זיין דרשה מיט דעם מעשה פון יואב און דער אנדערע פרייער איד רונן וואס האט אויך געזאגט אז "א סעמינאר איז נישט פאר מיך."

"עס זענען דא אידן," האט דער דרשן געזאגט צום עולם אין צפת, "וואס האבן 'זכות אבות' און צוליב דעם זענען זיי זוכה צוריקצוקומען צום אידישקייט אזוי ווי יואב... אבער, עס זענען אידן וואס זענען ליידער נישט זוכה, אזוי ווי רונן וואס האט נישט געוואלט גיין צו סעמינאר. דאס, אבער, וואס איר זיצט דא אלע הערנדיק די דרשה היינט, ווייזט אויס, אז לכאורה האט איר די זכות אפשר צוריקצוקומען צום אידישקייט, נישט אזוי ווי רונן וואס האט געזאגט "א סעמינאר איז נישט פאר מיך..."

פלוצלינג, אין מיטן רב בנצור'ס רייד, האט זיך אויפגעשטעלט א פרומער איד מיט א קליינע בארדל (צווישן די פרייע אידן דארט זענען אויך געווען אפאר פרומע דא און דארט). יעדער איינער איז געווארן שטיל צו הערן וואס דער איד וועט זאגן. "רב בנצור... איך בין רונן! דער וואס האט דערציילט דער יואב מעשה און וואס האט נאכדעם געזאגט אז א סעמינאר איז נישט פאר מיך!"

"איך האב דעמאלט געטראכט אסאך וועגן דיינע ווערטער." האט רונן געזאגט ווייטער. "און איך האב געטראכט ווי אזוי יואב האט געטוישט זיין לעבן אזוי! איך האב נישט געהאט קיין מנוחה ביז סוף כל סוף איך האב עס פרובירט, און זעסטו! ב"ה איך האב חתונה געהאט און איך וואוין היינט אין צפת!" רונן'ס ווערטער האבן געמאכט א מוראדיגע רושם אויף די צוהערערס. רב בנצור איז אויך מוראדיג נתפעל געווארן פון רונן'ס מעשה.

אבער דער מוראדיגע מעשה ענדיגט נאך נישט... א יאר נאכדעם האט רב בנצור געגעבן א דרשה אין דעם שטעטל "אלעד" א נייע ישוב וואס ליגט אין מיטן ארץ ישראל. רב בנצור האט דערציילט דעם אינטערעסאנטען מעשה וועגן יואב און רונן'ס "עס איז נישט פאר מיך" מעשיות. נאכדעם וואס ער האט געענדיגט רעדן, האט איינער זיך אויפגעשטעלט און געזאגט אז דער מעשה איז הונדערט פערצענט אמת, ווייל ער קען יואב מיט רונן. יענער האט דערציילט אז יואב און רונן זענען געווען צוזאמען אין א חברה פון יונגע מענטשן. און נאכדעם וואס די צוויי האבן תשובה געטון, זענען בערך פופצען אידן פון יענע חברה געגאנגען צו סעמינארס און זענען זיי אויך געווארן בעלי תשובה! הפלא ופלא!

די וואך ליינט מען וועגן יעקב אבינו ע"ה'ס לעצטע טעג אויף די וועלט. ווען יעקב אבינו האט געהאלטן ביי נסתלק ווערן, האט ער געבעטן פון יוסף הצדיק, "ועשית עמדי חסד..." – און איר זאלט טון חסד מיט מיר. ווייסט מען אז די תורה איז נצחיות. וועגן דעם קען מען אפשר זאגן אז יעקב אבינו'ס באפעל איז נישט נאר געזאגט געווארן צו זיין זון יוסף הצדיק, נאר, עס איז אויך שייך צו אונז, וואס זענען אלע "בני ישראל." אויב אזוי קומט אויס אז יעקב אבינו ע"ה האט אונז באפעלט צו טון חסד. דורך טון חסד מיט יענעם, בפרט צו לערנען תורה מיט די וואס האבן נישט קיין שייכות מיט אידישקייט, איז מען מקיים דער צוואה פונעם זיידן יעקב! **גוט שבת אלע אידן**

נתנדב לרגל שמחת אירוסי החתן יחיאל חיים הי"ו בן מוה"ר ישראל משה דירנפעלד שליט"א בשעטומ"צ
לע"נ ר' יעקב בן ר' נפתלי ע"ה :: נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362-3234